בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון מ"ה

פרשת בשלח- שירה
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

**דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיךְ קֶען גֶעבְּן חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים.

### מִיט וֶועם אַרְבֶּעט אִיךְ

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּסְקָא א): **"אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין"**, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַז צַדִּיקִים טַייטְשְׁן דָאס אַזוֹי: "אֵין מְחַזְּקִין" מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין חִיזּוּק, "אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין" נָאר פַאר דִי וָואס גֶעבְּן חִיזּוּק פַאר אַנְדֶערֶע; מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס אוּן דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזּוּק.

דִי בֶּעסְטֶע חִיזּוּק אִיז אַז מֶען וֵוייסְט **"מִיט וֶועם אַרְבֶּעט אִיךְ"**, אוּן **"פַאר וֶועמֶען אַרְבֶּעט אִיךְ"**; אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט נְשָׁמוֹת; מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל! אִיךְ אַרְבֶּעט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן!

### אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְפְן וִויסְן: מַיין אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אַרַיין צוּ בְּלָאזְן אִין זֵיי אֱמוּנָה, אוּן אַ זִיכֶערְקֵייט זֵיי זָאלְן וִויסְן **"אִיךְ קֶען יָא"**, **"אִיךְ בִּין יָא"** - דָאס אִיז דֶער עִיקָר, עִיקָר, עִיקָר זַאךְ פַארְוָואס מֶען קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן וָואס מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער.

אַוַודַאי אִיז דָא אַ סֵדֶר הַיּוֹם, מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לֶערְנְט, אוּן מֶען שְׁטֵייט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען דִי לִימוּדִים, יֶעדֶע יָארְגַאנְג לוֹיט אִיר פַארְשְׁטַאנְד, אִין דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת לֶערְנְט מֶען אוֹיס אַלֶף בֵּית, צוּזַאמְשְׁטֶעלְן אוֹתִיּוֹת, עִבְרִי, סִידּוּר אוּן תְּהִלִּים, אִין דִי עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת לֶערְנְט מֶען שׁוֹין שְׁוֶוערֶערֶע זַאכְן, אָבֶּער דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נָאר דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט אַ מוֹסָד, אַז עֶס זָאל זַיין אִין אַ צִמְצוּם, אִין אַ כֵּלִי, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג נֶעבְּן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים זָאגְן: **"דוּ בִּיסְט גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט גוּט"**, דָאס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין אוֹיעֶר, אוּן וָואס עֶס גֵייט שׁוֹין יָא אַרַיין אִין אוֹיעֶר - גֵייט צוּרִיק אַרוֹיס פוּן דִי אַנְדֶערֶע אוֹיעֶר...

אָבֶּער אִין מַיין מֹחַ דַארְף אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ קוּם צוּ דִי קִינְדֶער צוּלִיבּ דֶעם אֵיין זַאךְ - **"אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער"**, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"דוּ בִּיסְט מוֹרָא'דִיג"**, **"דוּ בִּיסְט מוֹרָא'דִיג"**, **אוּן** אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ זִיכֶערְקֵייט זֵיי זָאלְן וִויסְן **'אִיךְ בִּין יָא'**, אוּן **'אִיךְ קֶען יָא'**.

### זוּכְן דִי שֵׁיינֶע פִּינְטְלֶעךְ

גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג.

עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ קִינְד זָאל זַיין כּוּלוֹ רַע, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ;

### • אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער

יֶעדֶער קִינְד הָאט אֶמֶת'ע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס עֶר אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִיז דֶעם, מֶען דַארְף נָאר זוּכְן אוּן טְרֶעפְן דִי שֵׁיינֶע פִּינְטְלֶעךְ, זִיךְ גוּט אַרַיין קוּקְן אִין דֶעם אוּן עֶס אָנְהֵייבְּן לִיבּ צוּ הָאבְּן, אוּן אַז מֶען הָאט לִיבּ אַ קִינְד שְׁפִּירְט דָאס דֶער קִינְד, דֶער קִינְד פִּילְט: **"אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ מִיר"**, **"אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וָואס הָאט מִיךְ לִיבּ"**, **"אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט פוּן מִיךְ"**.

### אִיךְ קוּם מְחַיֶּה זַיין קִינְדֶער

אַסַאךְ מָאל קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אוֹיף אֵיין קִינְד אַז **"דֶער קִינְד אִיז אַן אוֹיבֶּער חָכָם, אַ קַאלְטֶער, עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט"**, אוּן דֶער מְלַמֵּד אִיז טַאקֶע אִיבֶּערְצֵייגְט אַז דֶער קִינְד דַארְף אִים נִישְׁט, וַוייל וֶוען אִיךְ גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט זֶעט אוֹיס וִוי עֶר דַארְף עֶס נִישְׁט, עֶר שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער... זָאלְט אִיר וִויסְן אַז דִי קִינְדֶער וָואס צוּלַאכְן זִיךְ וֶוען מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ גוּט וָוארְט, מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דַארְפְן עֶס נִישְׁט, זֵיי לַאכְן פָּשׁוּט וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן צוּ דֶעם גוּט וָוארְט.

עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר נַאטוּר אִיז אַז זֵיי קֶענֶען נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט אִים אַ גוּט וָוארְט, אֵיינֶער זָאגְט אִים: **"דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר גוּט"**, **"דַיין קְלֵייד אִיז זֵייעֶר שֵׁיין"**, עֶנְטְפֶערְט עֶר צוּרִיק: **"שְׁכּוֹחַ"**, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ גֶעזוּנְטֶער נַאטוּר,

ער נעמט אויף דעם גוט וואָרט אַזוי ווי יענער וואלט אים עפּעס געגעבן פאר א מתּנה און באַדאנקט זיך שיין.

ווידער זענען דא מענטשן וואס קומען פון שטיבער וואס מען רעדט נישט איינער צום צווייטן שיינע געפילישע ווערטער, דערפאר ווען ער הערט אויף זיך א גוט וואָרט, צום ביישפּיל, דו זאגסט אים: **"דו זעסט אויס זייער גוט"**, - כאפּט ער א שרעק, ער ווייסט נישט וואס דו ווילסט פון אים, עס איז די ערשטע מאל וואס ער הערט א גוט וואָרט!

אָבער דאס איז דער עיקר וואס מען דארף געדענקען, איך קום אין חדר, איך קום אין שולע צו מחיה זיין קינדער, מחזק זיין קינדער און אויפבויען קינדער.

### איבער זאגן נאכאמאל און נאכאמאל - "דו קענסט יא!"

מוהרא"ש האט אמאל געזאגט ביי א שיעור: פון ווען א קינד ווערט געבוירן ביז ער ווערט גרויס און בויט אויף זיין אייגענע שטוב, האט ער שוין געהערט טויזנטער טויזנטער מאל די אויסדרוקן: **"דו זעסט אז דו קענסט נישט!" "איך האב געוואוסט אז דו קענסט נישט!" "נע דו קענסט נישט!" "געב עס פאר א צווייטן, ער קען בעסער פון דיר!" "דו קענסט עס נישט טראגן ווייל דו גייסט עס אויסגיסן!" "דו קענסט נישט", "דו ווייסט נישט"**, פון די אלע ווערטער בויט זיך שטילערהייט אויף אינעם קינד'ס מח א סך הכל: **"איך טויג נישט, איך בין נישט און איך קען נישט!"**

ווייל נעגעטיווע זאכן, עונשים און שרעקעדיגע זאכן כאפּט דער מח אויף שנעלער ווי אנדערע זאכן, דערפאר איז נישט גענוג אז מען זאגט איין מאל פאר א קינד: **"דו ביסט יא!" "דו קענסט יא!"** מען דארף עס איבער זאגן און איבער זאגן נאכאמאל און נאכאמאל.

### אריין לייגן מיט חכמה גוטע ווערטער

דאס איז דער עיקר, עיקר, עיקר זאך וואס מען דארף היינט רעדן צו קינדער; עס זעט אויס ווי דער קינד דארף הערן אז ער טוט נישט גוט מיט דאס, און יענער קינד דארף הערן אז ער טוט נישט גוט מיט יענץ, אָבער וואס ווייסטו וואס א קינד גייט אריבער?! אינדרויסן קען ער אויסקוקן אזוי גוט, פּלוצלונג זעט מען ווי ער ווערט זייער שלעכט, און מען ווייסט נישט וואס עס איז געשען מיט דעם קינד?... באמת איז שוין דאס קינד געווען פארדעם זייער צעקלאפּט, נאר יעצט זעסטו עס שוין אפן.

דערפאר, דארף מען בעיקר זען אויפצובויען די קינדער, ער זאל אסאך הערן גוטע ווערטער: **"דו ביסט גוט" "דו ביסט חשוב"** און נאכאמאל: **"דו ביסט גוט"** און נאכאמאל: **"דו ביסט חשוב"**, און אלע אנדערע זאכן וואס דער קינד דארף זיך פארבעסערן וועט שוין נאכדעם אנקומען אין ריכטיגן פּלאץ.

צווישן אלע לימודים וואס מען לערנט מיט די קינדער דארף מען מיט חכמה אריין לייגן גוטע ווערטער, אז דער מענטש זאל פילן אינעווייניג **"איך בין גוט"**, **"דער אייבערשטער האט מיך ליב"**, **"איך גיי זיין א גרויסער צדיק"**, און **"איך גיי מצליח זיין אין לעבן"**.

### ווי אזוי געבט מען מוסר פאר א קינד

רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: **"פאר יעדע לעפל מוסר וואס מען זאגט, דארף מען געבן א גאנצע שיסל התחזקות"**; מען דארף האבן א לעפל מוסר, מען דארף געבן מוסר, מען דארף פארערכטן קינדער, אָבער עס מוז זיין א שיסל חיזוק, מען דארף זאגן פאר'ן קינד: **"דו ביסט אזוי גוט"**, און: **"דאס טוט מען נישט"**, **"דאס איז נישט גוט צו טון"**, **"עס איז נישט גוט פאר דיך"**, **"עס איז נישט גוט פאר דיין לעבן"**, און נאכאמאל: **"דו ביסט זייער גוט"**.

מען געבט מוסר אזוי ווי מען געבט מעדעצין פאר א קינד; וואס טוט מען ווען מען דארף געבן פאר א קינד שארפע מעדעצין? מען געבט אים פארדעם צו טרינקען א גוטע דזשוס, מען געבט אים דעם לעפל שארפע מעדעצין און נאכדעם נאך אביסל דזשוס, אזוי איז אויך ווען א מלמד וויל זאגן מוסר פאר א תלמיד, מען דארף אנהייבן מיט שיינע ווערטער, אויסרומען דעם תלמיד, ווי טייער ער איז, ובתוך הדברים זאגט מען אים וואס ער דארף זיך פארערכטן, און מען ענדיגט מיט גוטע חיזוק, ווי חשוב ער איז, ווי טייער ער איז און ווי שיין ער וועט אויסוואקסן אויב וועט ער זיך פירן גוט.

### רעדן צו קינדער פון אמונה

מען דארף אסאך רעדן צו קינדער פון אמונה אינעם אייבערשטן, אמונה איז א זאך וואס בארואיגט, איין מאל די אמונה איז דא - איז שוין אלעס דא!

מען קען נישט אנקומען צו רעדן פון אלע תרי"ג מצוות, מען קען נישט רעדן פון יעדע פּינטל אין לעבן, באלד ענדיגט זיך שוין דאס יאר, אָבער אז דו רעדסט פון אמונה, **"אה דער אייבערשטער איז דא!" "דער אייבערשטער היט אונז", "דער אייבערשטער זעט אלעס, און מען קען זיך נישט באהאלטן פונעם אייבערשטן"**, ווייסט שוין דער קינד אז ער מוז פאלגן דעם אייבערשטן.

### דער אייבערשטער זעט אלעס

היינט צופרי רופט מיך אן א טאטע מיט א בהלה, ער דערציילט מיר אז זיי האבן נעכטן געהאט א חתונה, זיי האבן גערופן א יונגע מיידל זאל בעבי סיטן ביי זיי אין שטוב, ווען די עלטערן זענען אהיים געקומען האבן זיי אויסגעטראפן אז די בעבי סיטער האט געטון נישט קיין שיינע זאך מיט די קינדער, די עלטערן זענען געווארן זייער פארלוירן, זיי פרעגן מיר: **"וואס טוט מען דא?"** פרעג איך זיי צוריק: **"וואס זענט איר פארלוירן?! דאס זענען קינדער! מען דארף זיי איבער זאגן נאכאמאל און נאכאמאל אז מען קיינער זאל דיך נישט אנרירן און דער אייבערשטער איז איבעראל"**.

לערערינס דארפן רעדן פון דעם צו די קינדער, מען זאגט פאר די קינדער: **"מען דארף זיין איידל, דער אייבערשטער זעט, מען קען זיך נישט באהאלטן אונטער**

**די טיש, מען קען זיך נישט באהאלטן אונטער די טרעפ, דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער זעט אלעס",** און מען חזר'ט מיט זיי אסאך אז: **"דער אייבערשטער האט אונז ליב, דער אייבערשטער וויל אונז נאר טון גוטס".**

### אויסהערן ביידע זייטן פון די מעשה

מען טאר קיינמאל נישט זיין איבער געאיילט; אז איינער קומט צו דיר וויינען: **"ער האט מיך געשלאגן"**, דארף מען אויך אויסהערן דעם אנדערן קינד, מען קען נישט גלייך אננעמען וואס דער קינד דערציילט, אפילו דו ביסט זיכער אז ער דערציילט אמת, ווייל יענער קינד טשעפעט אלץ... - טאר מען דאס אויך נישט אננעמען, ווער האט דיר געזאגט אז יענער טשעפעט אלץ?!

אסאך מאל מאכט זיך, א קינד קומט היסטעריש צו לויפן דערציילן: **"ער האט עפעס צוגענומען פון מיר"**, און דער מלמד הייבט זיך שוין אן אויפצורעגן, נו נו איך האב געוואוסט, יעדעס מאל גנב'עט ער, ער איז א געהעריגער גנב! - פון וואו ווייסטו אז עס איז ווער וואס ער האט דערציילט?! דו האסט אים געפרעגט?! עס איז דא עדות?! און אפילו עס איז דא עדות - איז ער דאך א קטן, לויט די תורה קען מען גארנישט טון פאר א קטן און קטנה, מען קען אים נאכאמאל מחנך זיין, מען קען נאכאמאל רעדן צו אים.

מען קען נישט נעמען קיין שריט פאר'ן אויסהערן ביידע זייטן פון די מעשה און עס איבער טראכטן, און בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל טון די ריכטיגע זאך, וואס זאל זיין דער קנס, און אז דער קנס זאל אויפטון.

המשך פונעם שיעור מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף קומענדיגע וואך

## בריון פון חינוך
פונעם ראש ישיבה שליט"א

### ווי אזוי קען איך זיין א גוטע מאמע?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין זייער דאנקבאר פאר אלע דרשות און חיזוק וואס מיר באקומען פונעם ראש ישיבה שליט"א, איך ווייס אז איך מיט מיין מאן וואלטן קיינמאל נישט אנקומען צו וואו מיר האלטן יעצט, ווען נישט די געוואלדיגע דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

עס איז דא איין זאך וואס גייט מיר זייער שווער, דאס איז צו מחנך די קינדער. איך האב ברוך השם ליכטיגע קלוגע געזונטע קינדער, אבער איך פיל זייער שלעכט פאר זיי, ווייל איך און מיין מאן שרייען אסאך אויף זיי, און צומאל געבן מיר זיי אויך פעטש. מיינע קינדער פאלגן נישט! זיי פאלגן נישט מיר און נישט מיין מאן! זיי קריגן זיך, פארגינען נישט, און הרג'ענען זיך א גאנצן טאג.

וויפיל איך פרוביר צו זיין א גוטע מאמע, קען איך אבער נישט אויסהאלטן, אוןביים סוף שריי איך אויף זיי, און איך פיר זיך נישט צו די קינדער ווי עס דארף צו זיין.

עס טוט מיר זייער וויי, און איך וואלט זייער געוואלט גיין צו "חינוך קלאסן", זיך אויסצולערנען ווי אזוי מען איז מחנך קינדער, אבער מיין מאן וויל נישט איך זאל גיין, ווייל דער ראש ישיבה רעדט קעגן דעם.

אפשר קען דער ראש ישיבה מיר העלפן און מיר געבן דעם ריכטיגן וועג אין חינוך, אז איך און מיין מאן זאלן קענען זיין בעסערע עלטערן, נישט שרייען און שלאגן די קינדער ווען זיי רעגן אונז אויף מיט זייער אויפפירונג?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - ה' פרשת בחוקותי, כ"ו אייר, מ"א לעמר, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

אייער מאן איז גערעכט, איר וועט גארנישט באקומען ביי די פלעצער.

שרייען אויף קינדער איז נישט קיין עצה, און שלאגן איז זיכער נישט קיין עצה. שלאגן העלפט נישט; שלאגן איז א וועג זיך אויסצוגעבן די נערוון. שרייען איז א פוילע וועג, סבלנות איז די וועג; מיט קינדער דארף מען האבן אייזערנע נערוון, נאכאמאל זאגן און נאכאמאל זאגן, נישט ווערן אויפגערעגט ווען מען פאלגט נישט.

חינוך הבנים והבנות איז א שווערע ארבעט, אבער עס לוינט זיך די ארבעט, עס לוינט צו האבן סבלנות פאר קינדער; ביים סוף שניידט מען שיינע פירות.

בעטס דעם אייבערשטן איר זאלט האבן געדולד, נישט ווערן פארלוירן ווען די קינדער פאלגן נישט. בעטס דעם אייבערשטן איר זאלט וויסן ווי אזוי צו רעדן צו די קינדער, ווי אזוי מען מאכט אז קינדער זאלן פאלגן - אזוי וועט איר מצליח זיין מיט זיי. איר וועט נישט דארפן שרייען און שלאגן, ווייל דאווענען און בעטן דעם אייבערשטן איז די סוד פון הצלחה, נישטא קיין אנדערע עצה נישטא קיין אנדערע טריק מיט קינדער - נאר בעטן און בעטן דעם אייבערשטן.

איר ווייסט די מעשה וואס מוהרא"ש דערציילט, אמאל איז א איד געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו און געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט זיך דער הייליגער חפץ חיים אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און ארויסגענומען פון ספרים שאנק אן אלטע תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, ער האט דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "זעסט? דאס איז די תהלים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו די פלעגט יעדן טאג וויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע

קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת במדבר תשפ"ב)

## מֶען הָאט מִיר פַארְשִׁיקְט פוּן מְלַמְּדוּת פַאר גָארְנִישְׁט, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פַאר לַאנְגֶע יָארְן אוּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מִיר.

אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן לְכָבוֹד דֶעם הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי קִינְדֶער.

דָאס יָאר הָאט דִי הַנְהָלָה בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּ אַלְט אוּן אִיךְ טוֹיג נִישְׁט מֶער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אֲפִילוּ עֶס אִיז קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט קֶעגְן מִיר.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זֵיי ווִילְן מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט יֶעצְט אָנְפַאנְגֶען אַ נֵייעֶ פַאךְ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אַן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע בְּלֶעטְל וָואס קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט דָא וַוייטֶער אִין לֶעבְּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט זֵייעֶר ווֵיי צוּ הֶערְן אַז מֶען פִּירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף מִיט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט יָארְן לַאנְג גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

פַארְוָואס שְׁפִּירְסְטוּ ווִי אַן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע בְּלֶעטְל? פְּרֵיי זִיךְ אַז דַיינֶע יָארְן זֶענֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט; עֶרְשְׁט יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט דִיר אָפְּגֶעזָאגְט קֶענְסְטוּ זֶען וָואס דִי וֶועלְט אִיז. יֶעצְט זֶעסְטוּ דֶעם הָלוֹךְ יֵלֵךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער - דָאס גֵייט יֶעדֶער אַרִיבֶּער, מֶען אַרְבֶּעט יָארְן לַאנְג בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען יוּנְגֶערֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן מֶען שִׁיקְט אַוֶועק דֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר, דֶעמָאלְט קוּקְט מֶען צוּרִיק, מֶען טְרַאכְט: 'אוֹי וֵויי, וֵויי אִיז מִיר, אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַארְוָואס? פַארְוֶועם?' דֶער לֶעבְּן קוּמְט אוּן פַּאטְשְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פָּנִים. דוּ הָאסְט דָאךְ אָבֶּער דַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין זֵיי - דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר זַיין פַאר חִיזּוּק. אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶערוּפְן, עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: "שְׁטֶעל זִיךְ פַאר דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִין אַ סְחוֹרָה גֶעשֶׁעפְט, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ עֶנְדִיגְסְט דַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אִין עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, מֶען וֶועט דִיר פְרֶעגְן 'וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבֶּעצִיג יָאר?' אוּן דוּ וֶועסְט עֶנְטְפֶערְן 'אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶענֵייט בֶּעקִיטְשֶׁעס', מֶען וֶועט דִיר אָנְקוּקְן אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן דִיר פְרֶעגְן 'וָואס? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶענֵייט בֶּעקִיטְשֶׁעס? נִישְׁט מֶער פוּן דֶעם? בִּיסְט בַּיים דַּעַת?' יֶעצְט, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט, וֶועסְט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן אוּן מֶען וֶועט דִיר פְרֶעגְן 'וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבֶּעצִיג יָאר?' וֶועסְטוּ זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ מְחַזֵּק גֶעוֶוען בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט בָּחוּרִים', - ווִי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי שְׂכַר, ווִי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי פְרֵייד אוֹיבְן אִין הִימְל".

דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי דִיר, פַארְוָואס שְׁפִּירְסְטוּ ווִי אַן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע בְּלֶעטְל? דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זֵיי! דָאס בְּלַייבְּט, דָאס אַלֶעס וֶועסְטוּ מִיט נֶעמֶען, דָאס בַּאגְלֵייט דִיר.

אַז מֶען הָאט דִיר אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דִי מְלַמְּדוּת אוּן זֵיי ווִילְן דִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן - זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, הֲיִתָּכֵן זֵיי גֶעבְּן דִיר נִישְׁט וַוייטֶער אַ גֶעהַאלְט פַאר דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי זֵיי; אָבֶּער זִיךְ שְׁפִּירְן צֶעבְּרָאכְן? - דָאס אִיז אַן עַוְלָה פוּן דַיין זַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת וישלח תשפ"א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעססעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876